**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................5:03

מוצאי שב"ק.......................6:35

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.....................שמואל-א ח'-ט'

בבלי.....................סנהדרין נ"ג

ירושלמי.................מגילה כ"ב

תוספתא..................עירובין ג'

רמב"ם....שאר אבות הטומאה


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בשלח, שבת שירה, י' שבט, שנת תשפ"ה לפ"ק

שנה 14, גליון 78 (687)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן, וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִים. גְּלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ'ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קִינְד אוֹיפְ'ן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעט דָאס קִינְד וִוי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי סָפֵ"ק, דֶער עִיקָר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?' 'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילּוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס אוּן נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז אוּן עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'; בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל אוּן וָואס פַאר אַ רַעשׁ עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן. אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מְקַטְרְגִים וֶוערְן פַארבְּרֶענְט פוּן דֶעם.

וֶוער הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק? דִי צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט אִים; זֵיי דֶערְמַאנֶען אוּנְז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען עֶס אַז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט. מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּן הִימְל הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ח): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה?" צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן דִי מִלְחָמָה, "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק"; עֲמָלֵק ווִיל אוּנְז שְׁוַואךְ מַאכְן, עֶר כַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זָאגְט זֵיי: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ!" קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן וַוייזְט אוֹיף אַרוֹיף, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט: "קוּק נִישְׁט וָואס עֲמָלֵק זָאגְט, הֶער נִישְׁט צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ קוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תש"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן דַיינֶע גוּטֶע מִנְהָגִים; קוּמֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי שֵׁיינֶע מִנְהָגִים וִוי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ. אַז בַּיי עֶנְק אִיז דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס וַוייטֶער טוּן, אוּן אוֹיךְ אַז דַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען בַּיי דִי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס סְעוּדָה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ - זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן דִי גוּטֶע מִנְהָג.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי שֵׁיינֶע זַאכְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן, פֶערְצִיג יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ שַׁבָּת אִין יַבְנְאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים עֶסְן דִי פִישׁ, וִוי עֶר הַאלְט אִין הַאנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אוּן לֶערְנְט.

הַאלְט אָן דַיינֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, וַוארְף נָאר אַוֶועק דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִי עַצְבוּת, נָאר דָאס זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ה)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פִּיר גוּטֶע דָאקְטוֹרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל וָואס דִי דָאקְטוֹיִרים הָאבְּן אִים אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ לֶעבְּן, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק כז, מִכְתָּב ד' שיט), עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן גָאר גוּטֶע דָאקְטוֹיִרים וָואס הָאבְּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט אוּן הַאלְטְן אִים וַוייטֶער בַּיים לֶעבְּן; דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער לֶערְנֶער, דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן אוּן דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, דָאס אִיז דִי פִיר הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. דִי עֲבוֹדָה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, עֶר הֵיילְט אוֹיס אַלֶע סָארְט קְרֶענְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען - "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹיִרים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

וֶוען דִי דָאקְטוֹיִרים הָאבְּן אָנְגֶעשְׁרָאקְן מוֹהֲרָא"שׁ אַז אָט אָט וֶועט עֶר דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלָאפְן צוּ דָאקְטֶער לֶערְנֶער, דָאס אִיז לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, דֶער דָאקְטֶער אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער אוּן גָאר אַ גוּטֶער דָאקְטֶער, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט לַאנְגֶע יָארְן גֶעלֶעבְּט אוּן גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן פַאר הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

אוֹיךְ דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ צוּ דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אִין וַואסֶער, זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", דוּרְךְ זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים.

שְׁטַארְק זִיךְ לִיבֶּער בְּרִידֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס אוּן מִיט דִי פִיר דָאקְטוֹיִרים קֶען מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; דוּרְךְ שִׂמְחָה (דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ), דוּרְךְ לֶערְנֶען (דָאקְטֶער לֶערְנֶער), דוּרְךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין (דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן) אוּן דוּרְךְ גֵיין אִין מִקְוֶה (דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן) - קֶען מֶען הֵיילְן אַלֶעס, אוּן צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

מז. עַל יְדֵי גֶּזֶל אוֹ מְבַיֵּשׁ פְּנֵי חֲבֵרוֹ, אֵין תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת. אַז מֶען גַזְלְ'ט אָדֶער מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵייטְן, וֶוערְן דִי תְּפִלּוֹת נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט.

מח. שַׁבָּת וְרֹאשׁ חֹדֶשׁ יוֹתֵר מְסֻגָּל לְהַעֲלוֹת הַתְּפִלָּה. שַׁבָּת אוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זֶענֶען מֶער מְסוּגָּל אַז דִי תְּפִילוֹת זָאלְן דֶעמָאלְט אַרוֹיפְגֵיין.



דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטֶס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵּיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע וִוינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבַט)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קצג)

צוּמָארְגְּנְס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "דִי נַאכְט הָאבּ אִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין 'סֵפֶר רְפוּאוֹת', כָאטְשׁ וָואס מֶעדֶעצִינֶען זֶענֶען גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַן 'אֵשֶׁת נְעוּרִים', אַ יוּנְגְט וַוייבּ, טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "פוּן 'מֵיזָר' וֶועט וֶוערְן 'מֶעזְרִיטְשׁ', אוּן פוּן דָארְט וֶועט מֶען פָארְן קֵיין אוֹסְטְרָאָה, אוּן דוּ וֶועסְט פָארְן קֵיין בְּרֶסְלֶב וֶועגְן מַיין וַוייבּ אִיר אַהִינְצוּבְּרֶענְגֶען, אַז זִי זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן".

**תרנט**

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ צוּם דָאקְטֶער גָארְדָאן, אַז עֶר זָאל אִיר אוֹיסְהֵיילְן, וַוייל זִי אִיז אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק מִיט אַ שְׁטֶערְבְּלִיכֶע קְרֶענְק, דִי "הוּסְט" קְרֶענְק.

דֶער דָאקְטֶער גָארְדָאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּאקַאנְטֶער דָאקְטֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס אִין דִי מֶעדֶעצִינִישֶׁע וֶועלְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אָבֶער אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם זֵייעֶר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּאקֶענְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין דָאקְטֶערַיי, עֶר פְלֶעגְט וַוייטֶער הֶעלְפְן אוּן הֵיילְן מֶענְטְשְׁן.

זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען ר' אַהֲרֹן בֶּן ר' שִׁמְעוֹן, עֶר הָאט לַאנְג גֶעלֶעבְּט אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוֹסְטְרָאָה. אוּן מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (אוֹיבְּן אִין סִימָן תרנ"ח), "פוּן 'מֵיזָר' וֶועט וֶוערְן 'מֶעזְרִיטְשׁ'" דָאס הֵייסְט אַז פוּן אַ דָאקְטֶער, 'מֵיזָר' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'מָזוֹר וּרְפוּאָה', וֶועט מְקוּרָב וֶוערְן קֵיין מֶעזְרִיטְשׁ, "אוּן פוּן דָארְט וֶועט מֶען פָארְן קֵיין אוֹסְטְרָאָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דִי כַּוָּונוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין דָארְט אִין אוֹסְטְרָאָה, מֶען הָאט נָאר גֶעדִינְגֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין אוֹיךְ זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַן אַלְגֶעמֵיינֶע בְּרִיוו צוּ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים.

דָאס אִיז דֶער נוֹסַח פוּנֶעם בְּרִיוו:

**צוּ מַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד, מַיינֶע לִיבֶּע**
**פְרַיינְט הַשּׁוּתְּפִים, הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִים.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט גֶעבְּן לְזוּגָתִי מֵאָה אֲדוּמִים [פַאר מַיין וַוייבּ הוּנְדֶערְט רֶענְדְלֶעךְ], וָוארִים [וַוייל] אִיךְ בַּאדַארְף פִיל הָאבְּן אוֹיף הוֹצָאוֹת [אוֹיסְגַאבְּן], דִי הוֹצָאוֹת זֶענֶען בְּכָאן [דָא] זֵייעֶר גְרוֹיס, כַּאֲשֶׁר יְסַפֵּר לָכֶם מוֹסֵר כְּתַב זֶה [אַזוֹי וִוי דֶער וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם בְּרִיוו וֶועט אַייךְ דֶערְצֵיילְן], נִישְׁט טָאפְּלְט דַוְקָא, פִיר מָאל אַזוֹיפִיל, אִיךְ הָאבּ נִיט אֲפִילוּ פְּרוּטָה אַחַת [אֵיין פְּרוּטָה], בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, ר' מֹשֶׁה בהרב ר' יִשְׂרָאֵל עִם ר' מֹשֶׁה בֶּן הֶעניָא צוּ שִׁיקְן מִיר מָעוֹת [גֶעלְט] כַּנַ"ל.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַז אִיךְ וֶועל אַהֵיימְקוּמֶען, וֶועל אִיךְ מִיךְ אָפְּרֶעכֶענֶען וִוי אִיר וֶועט וֶועלְן, הֶכְפֵּל וְהִשְׁלָשׁ הַדָּבָר שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת בְּאוֹפֶן אַחֵר רַק לִשְׁלוֹחַ מֵאָה אֲדוּמִים, גַּם לְזָרֵז אֶת זוּגָתִי [אִיךְ חַזֵר אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, נִישְׁט צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, נָאר צוּ שִׁיקְן הוּנְדֶערְט רֶענְדְלֶעךְ, אוּן אוֹיךְ צוּ צוּיָאגְן מַיין וַוייבּ] אַז זִי זָאל פָארְן תֵּיכֶף וּמִיַד, גַּם לְהוֹדִיעַ לִידִידִי מוֹרֵינוּ ר' נָתָן מִנֶעמִירוֹב וּלְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ [אוֹיךְ זָאל מֶען מוֹדִיעַ זַיין פַאר מַיין פְרַיינְד מוֹרֵינוּ ר' נָתָן פוּן נֶעמִירוֹב אוּן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ] אַז זֵיי זָאלְן פַאר מִיר גָאט בֶּעטְן, אַז עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע קְרֶענְק?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אִיךְ בִּין אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע קְרֶענְק, אִיךְ קֶען זִיךְ צוּ גָארְנִישְׁט מְסַדֵר זַיין. אִיךְ לַייד פוּן דֶעם בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. אִין מֹחַ ווִיל אִיךְ טוּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ מַאךְ אַזוֹיפִיל גוּטֶע פְּלֶענֶער אוּן קַבָּלוֹת, אוּן עֶס לָאזְט זִיךְ יֶעדֶע מָאל אוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט, אַזוֹיפִיל צַייט גֵייט מִיר אַוֶועק מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְכְרֶעדְן מַיין גַאנְצֶע טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ בְּלַייבּ אִיךְ מִיטְ'ן אַרוֹיסְכַאפְּן אַ וָוארְט דָא אוּן אַ וָוארְט דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן לְמַעֲשֶׂה כַאפּ אִיךְ אַרוֹיס אַ גוּטֶע זַאךְ דָא אוּן דָארְט, אוּן בַּיי דֶעם בְּלַייבְּט עֶס.

אִיךְ קוּם צוּ אַלֶעס אָן שְׁפֶּעט, אוּן עֶס שְׁטֶערְט פַאר מַיין וַוייבּ אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער אִיךְ לַייד פוּן דֶעם אַסַאךְ מֶער, מִיךְ שְׁטֶערְט עֶס אַסַאךְ מֶער אַז אִיךְ קוּם צוּ גָארְנִישְׁט אָן.

אִיךְ פִיל זִיךְ וִוי אַזַא לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּטְלָן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין סֵדֶר? דַאוֶוענֶען מִיט אַ זְמַן, לֶערְנֶען מִיט אַ זְמַן, זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי מִיט אַ זְמַן, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֵצָה'ן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פָּרָשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט, מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט אִין צַייט. זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן, זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס דָא אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָארְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין מְסוּדָר אוּן נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן. מֵיין נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, בְּרוּדֶער, אִין דֶעם לִיגְט אַלֶעס; שִׂמְחָה אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז מֶען מוּז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי רוֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁרְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מֶערְסְטְנְס פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עִקַּר רִחוּקָם הוּא מֵחֲמַת מָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת", אִיז דָאס צוּלִיבּ דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְט אַלֶעס טוּן אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל מִיט עַצְבוּת קֶען מֶען גָארְנִישְׁט פוּעֶלְ'ן, מֶען וֶוערְט נָאר מֶער אוּן מֶער פַארְדְרֵייט. מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיבּ עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה וְכוּ' אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה וְכוּ', אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, וַוייל עַצְבוּת אִיז טוּמְאָה אוּן שִׂמְחָה אִיז קְדוּשָּׁה, מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ה)

>>>>>> לעבנס געשיכטע פון רבי'ן

מַיין חוֹלַאַת [קְרֶענְק] וֶועל אִיךְ אַייךְ נִישְׁט שְׁרַייבְּן, כִּי הֵיכִי דְּלָא לִתְרַע מַזְלֵיהּ [אַז דִי מַזָל זָאל נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוערְן], רַק [נָאר] אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַּאר מִיר בְּכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה [בֵּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּפִלָּה], אוּן נִישְׁט צוּ פַּארְגֶעסְן דִי טוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אִיטְלִיכְן גֶעטוּן בִּיז אַהֶער, אוּן אֶפְשָׁר אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט מִיר גֶעבְּן [גֶעזוּנְט], קֶענְט אִיר נָאךְ מְקַבֵּל זַיין טוֹבוֹת פוּן מִיר.

אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי [מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע פְרַיינְט], אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר צוּ בֶּעטְן בְּעַד נַפְשִׁי הָעֲלוּבָה [פַאר מַיין פַארְשֶׁעמְטֶע נְשָׁמָה], בְּכַוָּנַת הַלֵּב [מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ] צוּ בֶּעטְן. דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער, ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען, אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן וִויפִיל כּוֹחוֹת בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט אַרוּם אַייךְ; אִיז דֶער יוֹשֶׁר אַז אִיר זָאלְט הַיינְט פַּאר מִיר אוֹיךְ בֶּעטְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל מִיךְ הֵיילְן, בְּהַרְאוֹת ה' לִי נוֹעַם זִיווֹ [דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר וַוייזְן זַיין זִיסֶער שַׁיין].

גַּם מְזָרֵז צוּ זַיין אֶת זוּגָתִי [אוֹיךְ צוּצוּיָאגְן מַיין וַוייבּ] זִי זָאל פָּארְן, וָוארִין [וַוייל] אֵשֶׁת נְעוּרִים [אַ יוּגְנְט וַוייבּ] אִיז נִישְׁט צוּ קְרִיגְן, וּבִפְרַט עֶס אִיז בְּלוֹיז גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת [אוֹיסְגַאבְּן].

גַּם [אוֹיךְ] אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז עֶס זָאל קֵיינֶער פוּן אַייךְ נִיט דֶערְוַואגְן צוּ קוּמֶען, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בְּקָרוֹב קוּמֶען צוּ פָּארְן.

הֲלֹא כֹּה דִבְרֵי אוֹהַבְכֶם בֶּאֱמֶת, וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִכֶּם יָתִיב בְּתַוְונָא דְלִבָּאִי. [דָאס זֶענֶען דִי רֵייד פוּן אֵייעֶר אֱמֶת'עֶר פְרַיינְד, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַייךְ זִיצְט בֵּיי מִיר טִיף אִין הַארְץ].

**נַחְמָן בֶּן מוֹרֵינוּ הָרַב שִׂמְחָה יצ"ו**

צוּ גְרִיסְן לְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ [פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ], לְכָל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי מַעֲלָתוֹ הָרָמָה [יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת]. הֲכְפֵּל הַדָּבָר [אִיךְ חַזֶר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער] מְזָרֵז צוּ זַיין אֶת זוּגָתִי זִי זָאל פָּארְן גִיךְ, אוּן אִיךְ נִיט צוּ זָאגְן פַּאר אִיר אוּן נִיש פַּאר דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם.

**נַחְמָן בֶּן מוֹרֵינוּ הָרַב שִׂמְחָה הַנַּ"ל**

**תרס**

גְלַייךְ וֶוען דִי בְּרִיוו אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְבִירִים, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן דִי ווִילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן דָאס גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן אוֹיךְ צוּגֶעאַיילְט זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל מִיטְפָּארְן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט, אוּן זִי אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן מִיטְ'ן טָאכְטֶער מִרְיָם וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בֵּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תק"ע) מִיט דִי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁלוּחִים, צוּם שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן
סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן וועבערמאן** שליט"א קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **אליעזר שלמה** נ"י
***
מו"ה **יעקב אברהם הײלפרין** הי"ו סטעטן איילענד
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **נחמן נתן** נ"י
***
החתן **שמעון פיש** הי"ו בארא פארק
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**
***
החתן **שמואל קאהן** הי"ו בארא פארק
**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**
***
מו"ה **יצחק רוטנער** הי"ו טאמס ריווער
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **שלמה מינצבערג** הי"ו בית שמש
גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" בית שמש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
***
מו"ה **קלמן וועבערמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למזל טוב**

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# צווייטער בית המדרש "היכל הקודש" אין שטאט בית שמש

פרייליכע נייעס הערט מען פון שטאט בית שמש אין ארץ ישראל, נאכדעם וואס מען האט געעפנט די וואך א צווייטער בית המדרש היכל הקודש אין שטאט. דער ערשטער בית המדרש היכל הקודש אין בית שמש איז געעפנט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק אין די רמה ב' געגנט פון שטאט, דער בית המדרש איז ב"ה זייער מצליח, פילע אנשי שלומינו פון די געגענט קומען זיך צוזאם כסדר און מען איז זיך מחזק אינאיינעם מיט די לעכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס.

אבער בית שמש איז נישט קיין קליין שטעטל, און פון איין געגנט ביז'ן אנדערן איז גאר ווייט, דער נייער בית המדרש וואס געפונט זיך אין רמה ד' איז מער פון איינס און א האלב שעה צו גיין צופיס. און אנשי שלומינו פון די געגנט פלעגן זיך צוזאם קומען יעדע שלש סעודות אין איינעמ'ס שטוב פאר שלש סעודות פאר די לעצטע שטיק צייט, און אזוי ווי עס זענען כסדר צוגעקומען נאך און נאך פרישע אינגעלייט מיטצוהאלטן שלש סעודות, האט מען זיך דערזען אין א מצב אז עס איז צייט צו עפענען נאך א געהעריגע שטיבל ספעציעל פאר די געגנט, וואו מען זאל קענען דאווענען אלע דריי תפילות שבת אינאיינעם מיט הרחבת הדעת.

אנשי שלומינו האבן געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן א צוגעפאסטן שטיבל. ש'כח אייבערשטער אז נאך א שטיק צייט האט מען געטראפן א צימער וואס האט ביז יעצט געדינט אלס א סטארעדזש פאר א שמש שטיבל פון א בית המדרש. און מען האט געזען אז עס איז זייער פאסיג מען זאל עס פארוואנדלען פאר א בית המדרש, מען האט זיך אוועק געזעצט מיט זיי און ב"ה ביז א קורצע צייט האט מען גע'חתמ'ט א קאנטראקט צו דינגען דעם פלאץ פאר'ן בית המדרש.

תיכף נאכן חתמ'נען האט מען זיך גענומען צו די עבודה פון אהערשטעלן דעם צימער עס זאל קענען דינען אלס א בית המדרש, מען זאל דארט קענען לערנען און דאווענען. די חשובע אינגעלייט האבן אויסגערייניגט דאס פלאץ פון אלע חפצים וואס זענען דארט געליגן, מען האט זיך גענומען פאררעכטן אלעס האט אויסגעפעלט, און ב"ה מען האט געענדיגט איבערפרישן דאס פלאץ אין געציילטע טעג.

פארגאנגענעם שבת וארא האט מען זיך שוין ברוך השם געקענט ארייינציען אינעם נייעם שטיבל, וואו עס איז דורך א הערליכע שבת צוזאמען, מען האט זיך מחזק געדאווענט און געלערנט. מען האט פארגעליינט דעם בריוו וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן ספעציעל צום עפענונג פונעם נייעם בית המדרש. מיר ברענגען אראפ א קליין שטיקל דערפון: "איך זאג ענק וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט ווען מיר האבן געעפנט די שול אין וויליאמסבורג, און די ישיבה, און די מוסדות: "אויב וועט זיין ליבשאפט צווישן אייך - וועט ענק קיינער נישט קענען שלעכטס טון און עס וועט זיין גרויס הצלחה"; דאס זאג איך אייך אויך, אויב וועט זיין ליבשאפט צווישן אייך, קיינער וועט נישט זוכן צו טרעטן אויף א צווייטן, מען וועט קומען אין שול מיט ליבשאפט, מיט שמחה - וועלן ענק זייער מצליח זיין, די שטיבל וועט ארויסגעבן א שיין אויף די גאנצע געגנט, רמה ד' אין בית שמש".

דער אייבערשטער זאל העלפן דער בית המדרש זאל זיין א לעכטיגקייט פאר די גאנצע געגנט ארום, אלע זאלן וויסן אז אויב מען דארף חיזוק קען מען עס דארט טרעפן.

## ובלכתך בדרך

**מיטזאגן: משניות, תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך, בבלי, ירושלמי, תוספתא, חומש, שלחן ערוך, ליקוטי מוהר"ן, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 3, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >